**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן מאנטאג פרשת בראשית, כד תשרי תשפז**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## א לעכטיגן אנהייב נאך די הייליגע טעג

א גוט מארגן, מאנטאג פרשת בראשית, אסרו חג פון יום טוב סוכות, שמיני עצרת און שמחת תורה, כ"ד לחודש תשרי תשפ"ז. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן וואך; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן יאר; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ברוך הוי' ברוך הוא, הודו לו ברכו שמו, כי טוב ה' לעולם חסדו ועד דור ודור אמונתו. מען גיט זיך א טראכט, ברוך הוי' ברוך הוא: מען האט געבענטשט ראש חודש אלול, מען האט געזאגט יום כיפור קטן ערב ראש חודש אלול, מען האט אויסגעזאגט תהלים, און מען האט געזאגט סליחות אלע טעג. מען האט געדאוונט די תפילות פון ראש השנה, מקיים געווען אלע מנהגים פון ראש השנה, און מען האט געבלאזן שופר, ברוך הוי' ברוך הוא. עשרת ימי תשובה, כפרות, ערב יום כיפור, יום כיפור, דאס צוגרייטן זיך צו סוכות, מקיים זיין מצות סוכה און מצות ד' מינים. נאכדעם הושענא רבה, דערנאך שמיני עצרת, און דערנאך שמחת תורה. ברוך הוי' ברוך הוא, היינט איז אסרו חג, און ברוך השם, מיר אלע וואס זאגן מיט דעם שיעור און הערן דעם שיעור, מיר זענען דא. דער אייבערשטער האט אונז פארשריבן אז מיר זאלן בלייבן דא אויף דער וועלט, מיר זאלן מאריך ימים זיין, און מיר זאלן בלייבן לעבן אין דער עולם הזה'דיגער וועלט.

דער אייבערשטער זאגט אונז: **איך האב אייך איבערגעלאזט דא אויף דער וועלט צו זיין מיינע געטרייע קינדער, "בנים אתם לה' אלקיכם", צו זיין מיינע געטרייע באדינער, מיינע געטרייע סאלדאטן, צו זיין מיין אוצר און מיין סגולה.**

איר זאלט לעבן אין שבח והודאה פארן אייבערשטן אז מיר זענען דאס אויסדערוועלטע פאלק. און פון דעם אויסדערוועלטן פאלק האט ער אונז אלע וואס לעבן — "כלנו אנו חיים היום" — געשאנקען דאס לעבן, און מיר זאגן "מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה". מען זאגט: א דאנק אייבערשטער! איך דאנק דעם אייבערשטן, איך נעם אן דיינע עבודת הקודש וואס דו לייגסט ארויף אויף מיר.

איך פארשטיי וואס איך האב צו טון, אז דו האסט אונז אויסגעקליבן צו זיין פון די וואס זאלן ווייטער ממשיך זיין לאריכות ימים ושנים טובות מיט דער עבודת הקודש פון צושפרייטן דעם כבוד שמים, מקיים זיין מצוות ומעשים טובים, זיך מדבק זיין אינעם הייליגן באשעפער, און מפרסם זיין אז "אין עוד מלבדו" אין אלע עקן וועלט.

מיר זאלן מברר זיין אלע ניצוצים הקדושים פון די שווערע גלות'ן, זיך מקדש און מטהר זיין, זיך אויפהייבן און אויסלויטערן, און זיך נאנט ברענגען צום הייליגן באשעפער,

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. דאס איז די עבודת הקודש וואס מען דארף זיך אריינטראכטן אין אזא הייליגן גרויסן טאג ווי היינט, וואס איז אסרו חג פונעם גרויסן יום טוב.

## דער רושם נאך די ימים טובים

מיר האבן געזאגט ביי נעילת החג געוואלדיגע ווערטער, מסביר צו זיין וויאזוי מען גייט אריבער פון די הייליגע טעג צו די וואכעדיגע טעג.

עס שטייט אז משה רבינו האט צוזאמגענומען גאנץ כלל ישראל, "כל עדת בני ישראל", און ער האט זיי געזאגט וואס דער אייבערשטער האט אים באפוילן: אז מען זאל מאכן א משכן, אלע מלאכת המשכן און אלע בגדי כהונה. נאכדעם שטייט "ויצאו כל עדת בני ישראל מלפני משה". גאנץ כלל ישראל איז ארויסגעגאנגען פון משה רבינו.

לכאורה דארף מען פארשטיין: אוודאי זענען זיי נישט געבליבן דארט כל ימי חייהם, פארשטייט זיך אז זיי זענען ארויסגעגאנגען, וואס דארף די תורה דאס ארויסשרייבן? וואס איז דער לימוד וואס מיר לערנען זיך ארויס פון דעם וואס די תורה שרייבט "ויצאו כל עדת בני ישראל מלפני משה"?

האבן מיר געזען א פשט אז די תורה וויל דא מגלה זיין, אז ווען א מענטש שטייט פאר אזא גרויסן צדיק ווי משה רבינו — דער רעיא מהימנא, דער רבן של ישראל, משה רבינו

וואס איז געווען דער עניו מכל האדם און האט ממשיך געווען די תורה אויף דער וועלט ביי מתן תורה ביזן סוף פון אלע דורות, משה רבינו וואס געפינט זיך צווישן אונז, צווישן יעדן איד וואס לערנט און היט די תורה — ווען מען שטייט פאר אזא גרויסן צדיק, דארף עס איבערלאזן אזא איינדרוק, אז ווען מען קוקט אן דעם מענטש זאל מען זען אז ער קומט יעצט פון א צדיק. "הכרת פניו ענתה בו", מען זעט אויף אים אז ער איז געווען ביי א צדיק.

די תורה הקדושה זאגט עדות, אז דער רושם וואס משה רבינו האט געמאכט אויף די אידישע קינדער איז געווען אזוי שטארק, אז מען האט געזען אויף יעדן איד באזונדער דעם "ויצאו כל עדת בני ישראל מלפני משה" — אז זיי קומען יעצט פונעם צדיק הדור, פון משה רבינו.

די הייליגע טעג האבן זיך אנגעהויבן מיט "אתם נצבים היום לפני ה' אלקיכם", ווען אלע האבן זיך אוועקגעשטעלט פארן הייליגן באשעפער אין די ימים נוראים, אין די ימים קדושים, אין די ימי הרחמים והרצון און אין די ימי שמחה. יעצט ווען מיר גייען ארויס, דארפן מיר זיין אין א בחינה פון "כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה'".

מען דארף זען אויף אונז, דערקענען אויף אונזער רעדן, אויף אונזער טראכטן, און אויף אלע מעשים וואס מיר טוען. אונזער אויפפירונג און אונזער הנהגה דארפן זיין אזעלכע, אז יעדער איינער זאל זען אז מיר קומען פון אזא הויכקייט, פון אזא דערהויבנקייט און אזא לויטערקייט. מיר קומען פון א פלאץ וואס מען האט זיך אנגעפילט מיט תורה, מיט עבודה, מיט יראת שמים, מיט כפרת עונות, מיט דביקות הבורא און מיט שמחה — א שמחה של מצוה, אן אמת'דיגע שמחה פון דינען דעם אייבערשטן נאר מתוך שמחה און מתוך שבח והודאה.

דער אופן וויאזוי מיר קוקן אויף אונזערע חברים, וויאזוי מיר רעדן צו זיי און וויאזוי מיר באנעמען זיך מיט זיי, דארף ווייזן אז דאס זענען די אידן וואס "ויצאו" — זיי קומען יעצט ארויס פון א חודש פון אזויפיל טעג פון דביקות הבורא, פון אזויפיל נאנטקייט צום אייבערשטן, און פון זיך אנזאפן מיט אזויפיל קדושה און שמחה.

מיר קענען נישט טשעפען, מיר קענען נישט ווייטון, מיר קענען נישט זיין בעצבות אדער אין א מרה שחורה. מיר זענען דאך געווארן עשירים, מיליאנערן, ביליאנערן! מיר זענען אנגעפילט מיט רייכטום, מיט דעם הייליגן באשעפער'ס השפעות טובות, אורות דקדושה און לעכטיגקייטן. מיר זענען א שטיק קדושה, א שטיק ריינקייט און א שטיק דערהויבנקייט.

## די עבודה פון אסרו חג: זיך צובינדן צום יום טוב

דער בעל "בית אברהם" פון סלאנים האט געזאגט ביי נעילת החג: "מודה אני לפניך ה' אלקי ואלקי אבותי" אויף די אלע חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז, אז ברוך הוי' ברוך הוא, עס זענען אדורכגעגאנגען די הייליגע טעג אזוי שיין, אזוי זיס און אזוי לעכטיג. עס מאכט זיך אבער, זאגט דער בית אברהם, אז די טבע פון א מענטש איז אז איין טאג נאך יום טוב פארגעסט מען שוין. מען פארגעסט וואס עס איז פארגעקומען פון מברכים אלול ביז אסרו חג, ביז נאך שמחת תורה. מען פארגעסט. אויף דעם בעט מען דעם אייבערשטן: "אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש שבתי בבית ה' כל ימי חיי". איך וויל בלייבן אין דעם הויז פונעם אייבערשטן מיין גאנץ לעבן. "אִסְרוּ חַג בַּעֲבֹתִים" — איך וויל זיין צוגעבינדן צו די אלע שיינע הייליגע טעג פון די ימים טובים.

דער הייליגער רבי העניך פון אלכסנדר האט געזאגט, אז ווען א שניידער מאכט א בגד, איז עס דאך אנגעפילט מיט אסאך פעדעמער. טאמער מען בינדט נישט צוזאמען אלע פעדעמער, נאר מען לאזט עס לויז און אומצוגעבינדן פון אנפאנג און פון סוף, וועט זיך דאס גאנצע קלייד צוטרענצלען און עס וועט ווערן אויס. **א מענטש דארף וויסן: אויב דו ווילסט אנהאלטן די קדושה, די שמחה, די אורות און די השפעות פונעם יום טוב, מוז מען מאכן א חיזוק און א קיום.**

איך האב געזען שטיין פון רבי שמעון הירשלער אין זיין ספר "נוה בית", אז ער האט געהערט פון א יונגערמאן, רבי יעקב זינגער – אן אייניקל פונעם "תפארת שמואל" פון אלעקסאנדער – אז זיין טאטע רבי יחיאל מנחם האט עס געהערט פון רבי שמעון שלום פון אמשינאוו, וועלכער האט

עס אליין געהערט פונעם ״ישמח ישראל״. ער האט געזאגט אזוי:

די גמרא ברענגט אין מסכת סוכה (מ״ה), ״כל העושה איסור לחג באכילה ושתיה״ – יעדער איינער וואס בינדט זיך צו צום יום טוב דורך ״אסרו חג״ מיט עסן און טרינקען (רש״י זאגט אז ״ויש אומרים״ גייט עס ארויף אויפ׳ן טאג נאך יום טוב), אויף אים זאגט דער פסוק ״מעלה עליו הכתוב״ – עס ווערט אים גערעכנט כאילו ער האט געבויט א מזבח און מקריב געווען אויף דעם א קרבן. היינט, אז מיר זענען צוגעבינדן צום יום טוב, איז עס פונקט ווי מיר ברענגען א קרבן.

רש״י זאגט: וואס טייטשט ״בעבותים״? דאס זענען דיקע און פעטע בהמות. א קרבן קען דאך זיין א מאגערע בהמה אדער א פעטע בהמה; איינער וואס האלט אסרו חג, איז כאילו ער האט געברענגט א פעטע, דיקע בהמה.

פרעגט דער ״ישמח ישראל״: עס קומט דאך אויס אז אסרו חג איז גרעסער פונעם יום טוב אליין! יום טוב שטייט נישט אז מען האט דוקא געדארפט מקריב זיין פעטע און דיקע בהמות; וואס מען האט געברענגט האט מען מקיים געווען די מצוה פון עולת ראיה און שלמי חגיגה, אבער עס שטייט נישט אז מען מוז ברענגען דוקא פעטע בהמות. אבער אין אסרו חג, ווען מען איז זיך מדבק אינעם יום טוב, איז עס כאילו מען ברענגט א פעטע, דיקע בהמה.

### די משל פונעם בעל שמחה: ממשיך זיין די שמחה ווייטער

ענטפערט דער ״ישמח ישראל״ א געוואלדיגן תירוץ: עס מאכט זיך אמאל ביי א בעל שמחה וואס האט חתונה געמאכט, ער איז אזוי פרייליך מיט די שמחה, און ער זעט נאך די חתונה אז עס איז איבערגעבליבן אסאך עסן. נעמט ער צוזאם די משפחה און זאגט: ״קומט, לאמיר זיך נאכאמאל וואשן, לאמיר עסן די שיריים פון די שמחה, און לאמיר דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן אויף די שיינע שמחה וואס מיר האבן געמאכט.״ ער האט אזא הנאה פון די שמחה אז ער וויל עס ווייטער ממשיך זיין.

אבער אמאל קען זיין א קארגער מענטש, וואס ווי נאר ער ענדיגט די חתונה לויפט ער אהיים, ווייל עס עסט אים אויף יעדע הוצאה וואס ער האט געהאט, אזויפיל געלט האט אים די חתונה אפגעקאסט. דאס זענען צוויי סארטן מענטשן.

זאגט ער, אז אין אסרו חג זענען מיר ממשיך די שמחת החג מיט אכילה ושתיה. מען עסט, מען טרינקט, און מען דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן. מיט דעם ווייזן מיר אז מיר ווילן נישט אוועקגיין פונעם יום טוב; עס איז אונז שווער זיך צו שיידן – ״קשה עלי פרידתכם״ – פון די הייליגע טעג און פונעם הייליגן באשעפער. מיט דעם ווייזן מיר ווי שטארק צוגעבינדן און חשוב דער יום טוב איז ביי אונז, און וויפיל מיר האבן זוכה געווען מקבל צו זיין פון די הייליגע טעג.

ער לייגט צו צו דעם, אז לכאורה איז דא א קשיא: דער רמ״א אין אורח חיים סימן תכ״ט, ביים אנפאנג פון הלכות פסח וואו ער רעדט ארום די הלכות פון חודש ניסן און אז מען זאגט נישט קיין תחנון, לייגט ער דארט אויך צו דעם ענין פון אסרו חג. לכאורה, וואס האט אסרו חג צוטון מיט׳ן אנפאנג פון הלכות פסח? .

אבער לויט די ווערטער פונעם ״ישמח ישראל״ פארשטייט מען שוין, אז לויט וויאזוי מען גרייט זיך צום יום טוב און לויט וויפיל מען טוט זיך אריין אינעם יום טוב, אזוי וועט מען האבן אן אסרו חג.

### דער טאטע פון ׳אתה בחרתנו׳ איז דער טאטע פון ׳אתה חוננתנו׳

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער הייליגער מונקאטשער רב פלעגט זאגן מוצאי יום טוב, און בפרט מוצאי שמחת תורה: אידישע קינדער גייען ארויס פון די לעכטיגע טעג אנגעפילט מיט שמחה און התרוממות הנפש, און מען גייט אריין אין די וואכעדיגע טעג ארבעטן אויף פרנסה מיט אלע גשמיות׳דיגע צרכים וואס מען דארף האבן דורכאויס דעם יאר. עס הייבט זיך אן דער ווינטער, מען דארף האבן הייצונג, און מען דארף זיך אנגרייטן אלעס וואס פעלט אויס אויפ׳ן ווינטער. וואס פאסירט? די ארימעלייט ווערן צובראכן, זיי הייבן אן האבן דאגות און פחדים וויאזוי זיי וועלן אויסהאלטן אזא לאנגן ווינטער, בפרט ווען היי יאר איז נאך אן עיבור יאר.

האט דער הייליגער מונקאטשער רב געזאגט: ״זאלט איר וויסן, מיינע טייערע ברידער, **אז דער זעלבער טאטע פון 'אתה בחרתנו' איז אויך דער טאטע פון 'אתה חוננתנו'.״ דער הייליגער באשעפער וואס האט אונז אויסגעוועלט (״בחרתנו״) פון אלע אומות העולם, ער איז אויך דער ״חוננתנו״ – ער וועט אונז שוין חונן דעת זיין וואס מיר דארפן צו טון און וויאזוי מיר זאלן האבן פרנסה.**

מיר דארפן זיך פארלאזן אויפ'ן הייליגן באשעפער; אזוי ווי מיר האבן דורכגעמאכט די אלע ימים טובים מיט חסד און רחמים גלויים פונעם אייבערשטן, אזוי וועלן מיר אויך דורכמאכן דעם גאנצן יאר.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס זענען געקומען די לאנגע, הייליגע און גאלדענע ווינטערנעכט. דאס דארף מען אויסנוצן אויף שבח והודאה פאר'ן אייבערשטן, אויף התקרבות להקב״ה, און אויף צו טון חסד איינער מיט'ן צווייטן

### די הייליגע יארצייט פונעם ריבניצער רבי'ן זי״ע

. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט איז די יארצייט פון רבינו הקדוש והטהור, רבי חיים זאנוויל בן רבי משה מריבניץ, זכר צדיק וקדוש לברכה, זכותו יגן עלינו – א גאר דערהויבענע הייליגע יארצייט. עס איז באקאנט אז דער הייליגער ריבניצער האט געזאגט, אז ער האט באקומען פון זיין רבי'ן, דער הייליגער שטעפינעשטער, זיין רוח הקודש, זיין חן און זיין צורה. דער ריבניצער האט פארציילט אז ער האט פארגעסן צו בעטן פונעם שטעפינעשטער, אז ווען ער וועט זיך אראפלאזן העלפן אידן, זאל עס אים נישט שטערן אין זיין עבודת הקודש פון נתעלה ווערן אין מדריגות.

### דביקות און אהבת ישראל: א מנהיג פאר יעדן איד

אבער דער אמת איז, אז אלע וואס האבן געזען און געקענט דעם ריבניצער, אדער וואס הערן וועגן אים, ווייסן אז ער איז געווען דבוק אינעם הייליגן באשעפער 24/7, אן קיין שום היסח הדעת און בלי הפסק. אבער אין דער זעלבער צייט, די סבר פנים יפות און די פנים מאירות וואס דער הייליגער ריבניצער האט געהאט ביים אויפנעמען יעדן איד – יונג און אלט, גרויס און קליין, אן קיין שום נפקא מינה.

דער הייליגער ריבניצער האט זיך אראפגעלאזט מיט זיין קדושה וטהרה מיט א געוואלדיגע אהבת ישראל, מיט א שמייכל און א זיסקייט אויפ'ן פנים.

ווי אידישע קינדער האבן פארטייטשט: משה רבינו האט געבעטן ״יפקד ה' אלקי הרוחות לכל בשר״ – ער האט געבעטן אז דער אייבערשטער זאל צושטעלן א מנהיג וואס זאל זיין א ״אלקי הרוחות לכל בשר״, ער זאל פארשטיין און משיג זיין די פשוט'ע פליישיגע אידן און אלע געברויכן וואס אידישע קינדער דארפן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס איז באקאנט אז דער הייליגער רימניצער האט אמאל ביים סדר נאכט געזאגט פאר א רוסישן איד וואס איז דארט געזעסן: ״אברהם, דערמאן דיר נאר די מעשה אינעם וואלד וואס מיר זענען אריבערגעגאנגען און עס איז אונז גארנישט געשען; האסט געזען ווי די חיות האבן זיך דערווייטערט פון אונז פונקט ווי מען אנטלויפט פון פייער.״ דער הייליגער רימניצער האט געהייסן ער זאל עס פארציילן, וויאזוי ער פלעגט גיין צו ברית'ן און דורכגיין געדיכטע רוסישע וועלדער אנגעפילט מיט חיות טורפות, און וויאזוי ער איז בדרך נס געראטעוועט געווארן.

ווי דער רימניצער אליין האט פארציילט, אז איינמאל איז ער דורכגעגאנגען א וואלד, און די וועלף דארטן האבן געשפירט אז א מענטש דרייט זיך אין וואלד און קומט אריין אין זייער טעריטאריע. זיי זענען געווען גרייט צו בארואיגן זייער הונגער דורך צורייסן דעם הייליגן רימניצער, חלילה וחס. דער רימניצער האט געזאגט: ״פונקען און פייער זענען ארויס פון זייערע אויגן; פון פחד אליין וואלט א מענטש געקענט אויסגיין.״ האט דער הייליגער רימניצער אויפגעהויבן זיינע צוויי הענט, האלטנדיג דעם מעסער מיט וואס ער איז געגאנגען מקיים זיין די מצוה פון ברית מילה,

**און ער האט געזאגט: ״קודשא בריך הוא, פאר דיר אליין גיי איך!״ און דעמאלטס האבן זיך די וועלף בארואיגט און זיך גערוקט אין א זייט.**

### ״פאר דיר אליין גיי איך״: א לעקציע אין אמונה

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז גאר א טיפע דערהער. מיר זענען טאקע נישט אויף די מדרגה פונעם רימניצער, אבער א איד קען זיך ארויסלערנען פון דעם, אז ווען מיר קענען זאגן פארן אייבערשטן אויף אלעם וואס מיר טוען: **״קודשא בריך הוא, פאר דיר אליין גיי איך,״**

און א איד גייט פארן אייבערשטן, ווערט מען געראטעוועט פון אלע פגעים, מניעות, עיכובים, און פון אלע חיות רעות. מען האט נישט קיין פראבלעמען, נישט בין אדם למקום און נישט בין אדם לחבירו, נישט מיטן יצר הרע און נישט פון אנדערע מענטשן.

**א מענטש דארף קענען אויסשרייען: ״קודשא בריך הוא, פאר דיר אליין גיי איך!״ דאס איז אונזער עבודת הקודש, און דעמאלטס ווערט מען געראטעוועט פון אלע שוועריגקייטן.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער הייליגער רימניצער האט אמאל פארציילט, אז גייענדיג אויפן וועג איז אים קעגן געקומען א וואלף. האט ער זיך באהאלטן אין א טיפע ליימענע גרוב, און ער האט דארט געהאט דעם סידור, דעם טלית, די תפילין און דעם מעסער, און ער איז דארט איינגעשלאפן אין דעם גרוב. ווען ער איז אויפגעשטאנען, האט ער געזען אז די וועלף שטייען נאך אלץ דארט. האט ער געכאפט אז די וועלף ווילן אים נישט קיין שלעכטס טון, נאר זיי ווילן אים אפהיטן; דער אייבערשטער האט געשיקט די וועלף זיי זאלן זיין זיינע שומרים. וואס לערנט מען זיך ארויס פון דעם?

א מענטש דאכט זיך אז שוועריגקייטן זענען זאכן וואס שטערן אים און האלטן אים צוריק. אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **מיר אלע האבן ״וועלף״, מיר האבן אסאך מאל אזויפיל מניעות און עיכובים, אבער א איד דארף גלייבן אז די אלע מניעות זענען אונז צו באגלייטן און ארויסצוהעלפן.** דאס האט אונז דער הייליגער רימניצער אויסגעלערנט.

### מסירות נפש פאר קדושה און טבילה

איינמאל איז א פרוי, א שכנה פונעם רימניצער, אריינגעקומען צו די רעבעצין און זי זעט אז די רעבעצין ווארפט זיך פאר שרעק. דער רימניצער איז צוריקגעקומען פון א פארפרוירענע טבילה אין א טייך, נישט אין קיין מקוה נאר אין פארפרוירענע וואסער, און ער איז געווען אזוי פארפרוירן אז ער איז אראפגעפאלן אינדערהיים אויף דער ערד און עס האט אויסגעזען ווי ער לעבט שוין נישט חלילה. ער האט אויסגעקוקט שרעקליך, און די שכנה איז שנעל געלאפן רופן א דאקטאר. דער דאקטאר איז געקומען און געשמירט זאלבן אויפן הייליגן רימניצער אים אנצואווארעמען, און ער האט געזאגט פאר דער רעבעצין אז ער וועט זיך אויפוועקן פון די חולשות און זי זאל נישט זיין באזארגט.

שפעטער איז די פרוי נאכאמאל צוריקגעקומען קוקן וואס דער מצב איז. האט די רעבעצין פארציילט אז דער הייליגער רימניצער האט געעפנט די אויגן, די זאלב האט טאקע געארבעט, ער האט זיך אויפגעוועקט און אנגעווארעמט. די רעבעצין האט אים געזאגט אז ער איז געווען אין א געוואלדיגע סכנה, ער האט גע׳חלש׳ט און עס האט אויסגעזען ווי ער האט שוין נישט קיין חיות. די שכנה איז שנעל געלאפן ברענגען א דאקטאר און אזוי האט ער זיך יעצט אויפגעוועקט, און ממילא בעט זי די רעבעצין אז ער זאל מער נישט גיין זיך טובלין אין די קאלטע טייכן ווייל עס איז סכנת נפשות.

אבער דער הייליגער רימניצער, בקדושתו ובטהרתו, האט געהערט אז א פרוי האט גערופן א דאקטאר, איז ער שנעל נאכאמאל געלאפן צום טייך און זיך גע׳טובל׳ט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס זענען מדרגות וואס מיר זענען נישט משיג. אבער פון דא זעט מען די געוואלדיגע עבודה וויאזוי ער האט זוכה געווען צו זיין דער קדוש וטהור, דער רבן של ישראל און דער משפיע פאר אידישע קינדער; ווייל ער האט נישט געזען קיין מניעות ועיכובים, ער האט געזען אז די אלע זאכן העלפן א מענטש נתקדש צו ווערן בקדושה עליונה.

### א סגולה פאר רפואה: דערמאנען דעם קאזשניצער מגיד

עס איז באקאנט אז דער הייליגער רימניצער פלעגט נאכזאגן, אז ווען מען טרינקט לחיים און מען דערמאנט דעם הייליגן קאזשניצער מגיד, **הרה״ק רבי ישראל בן פערל, איז עס א סגולה פאר א רפואה שלימה**. מיין שווער

זכרונו לברכה פלעגט זאגן אז דער רימניצער האט אים געזאגט אז מען דארף דאס מאכן ליל שישי, ווייל עס האט א גרעסערע סגולה ווען מען מאכט עס ליל שישי. מען טרינקט ליל שישי לחיים און מען זאגט ״ישראל בן פערל, קאזשניצער מגיד״, עס זאל זיין רפואות וישועות; און ספעציעל ווען מען דארף א רפואה, איז עס א געוואלדיגע סגולה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פונעם הייליגן רימניצער קען מען מאריך זיין אן א שיעור, אבער דער עיקר איז ללכת בדרכיו – זיך צו לערנען וויאזוי מען דינט דעם אייבערשטן מיט מסירות נפש און מיט אמת, צו ליב האבן אידן און זיך אוועקגעבן פאר זיי. דער הייליגער רימניצער האט געטיילט גרויסע צדקות און אוועקגעגעבן זיין לעצטע פרוטה פאר אנדערע אידן. דאס איז געווען זיין חיות דקדושה, צו לעבן מיט אנדערע אידן און זיך אוועקגעבן פאר זיי.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, מיר זאלן פועל׳ן אלעס גוטס, מיר זאלן זוכה זיין צו אך טוב וחסד און צו א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.